# ו. אַרײַנפֿיר־טײלן




לופטל.

# 1. אַ וואָרט פֿריִער

צו וואָס האָבן מיר צונויפֿגעשטעלט די גערוויקסן־וועלט אין ייִדיש (דאָ ווײַטער געקירצט: געווי [1])? ס׳נישט קיין רעטאָרישער פֿרעג. פּשוט: פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר אַנדערע איז כּדאַי קלאָר צו מאַכן דעם תּכלית פֿון אַ טערמינאָלאָגישן האַנטבוך אויף אַזאַן אומגעריכטער טעמע ווי נעמען פֿון געוויקסן אין מאַמע־לשון און אויף אַזאַן אומגעריכטן פֿאַרנעם.

צונויפֿגעשטעלט געווי האָבן מיר איבער עטלעכע טעמים פּראַקטישע, טעאָרעטישע און פּרינציפּיעלע. אין זינען געהאַט האָבן מיר סײַ ר׳ ישׂראל, סײַ דעם כּלל ישׂראל, סײַ די ייִדישע שפּראַך. לאָמיר זיי נעמען איינציקווײַז. פֿאַרן יחיד – און במילא אויך פֿאַרן כּלל – האָבן מיר דעם האַנטבוך צוגעגרייט כּדי:

1) מע זאָל וויסן ווי אָנצורופֿן אויף מאַמע־לשון אַ געוויקס, וואָס זײַן נישט־ייִדישן נאָמען ווייסט מען יאָ, אָבער דעם ייִדישן האָט מען אָדער פֿאַרגעסן, אָדער קיין מאָל נישט געוווּסט. דאָס איז „אַהער“ – פֿון אַן אַנדער לשון צו ייִדיש צו.

2) מיר ווילן אָבער דינען דעם ייִדיש־ניצער אויך „אַהין“ – פֿון ייִדיש צון אַן אַנדער לשון, למשל: מע ווייסט דעם ייִדישן נאָמען פֿון אַ געוויקס און מע וויל וויסן, ווי סע הייסט אויף אַן אַנדער לשון, כּדי געוווּיר צו ווערן פּרטים וועגן דעם געוויקס דורך נאָכקוקן אין אַן ענציקלאָפּעדיע צי אַן אַנדער אײַנקוקבוך אויפֿן שייכדיקן אַנדערן לשון.

דער „אַהין“ – פֿון ייִדיש צון אַן אַנדער לשון – גילט נישט נאָר פֿאַר געוויקסן, וואָס מע ווייסט זייער ייִדישן נאָמען. בײַם לייענען ייִדישע ליטעראַטור שטויסט מען זיך אָן אין אַ גוזמא טערמינען, וואָס די טײַטש איז דעם לייענער בדרך־כּלל פֿרעמד. אַ באַסאַראַבער, אַ שטייגער, ווועט תּיכּף וויסן די טײַטש פֿון פּאָמען, גאָלדאָנעס, מאַליאָנטשיקל, אָבער אַ גאַליציאַנער, וואָלינער, ליטוואַק, צי פּוילישער וועט בלײַבן שטיין אָפּהענטיק: וואָס איז דאָס? פּונקט אַזוי וועט, כאַפּן מיר אָן, אַ דרום־ייִד נישט וויסן דעם פּשט פֿונעם געוויקסן־נאָמען מײַ (שעכ VIII), סעטענע, גריזענע, שאַלאַמוקסנעס (אין כלערליי „סאַבעסדיקע“ וואַריאַנטן) אינעם לשון פֿון צפֿונדיקע שרײַבערס. ווער ס׳איז נישט י.־י. שוואַרצעס קיין לאַנדסמאַן וועט מסתּם נישט וויסן „מיט וואָס מע עסט“ ריבעלעך (אין פֿאַרשיידענע קאַנטן – מיט פֿאַרשיידענע טײַטשן), קרוצקעס, ברוקנעס, בלאָע יאַגדעס, באַלבאַרעסן, וואָס

[1] אָבער אין דער ביבליאָגראַפֿיע „סימבאָלן, קירצונגען און מקורים: ביבליאָגראַפֿיע און אינפֿאָר־מאַטאָרן“ און אין „גערוויקסן־ און מקורים־ווײַזער“ דאָ ווײַטער באַצייכנט ווי שעכ VI.

אין זייַן פּאָעמע יונגע יאָרן. רעגיאָנאַלע טערמינען אָדער רעגיאָנאַלע פּאָנאָלאָגישע וואַריאַנטן זענען דאָך אין מאַמע־לשון דאָ אין די הונדערטער. פֿאַר ס'רובֿ ייִדיש־רעדערס זענען – לאָמיר נעמען אַ דריט געמעל – איקעס, עכפּל, שיקסע־בּאַרלעך, נעילה־באַרלעך, כּלנדרי־באַרלעך, קורעס־באַרלעך, שלאָפּעפּל/שלאָפּעפּעלע, שלאָף־קעפּעלע, שרויף־קעפּעלע [שרופֿקעפּאַלע], ווי אויך רוחות־שטעקנס, משוגענע גרייַפּעלעך, שלענדערל, בלינדע בלום, מילעכבלום, פּעכבלימל, קריגעלעך אין דער בחינה פֿון תּרגום־לשון, נישט צו פֿאַרשטיין.

און ס'איז אַן ענין נישט נאָר פֿון דיאַלעקט, נאָר אויך פֿון סאָציאָלעקט. די געוויקסן־נעמען וואָס אַ ייִדישער קאָלאָניסט, אָדער אַ סאַדאָווניק, אָדער אַ מוכר־תּבֿואהניק ווייסט, וועט דער סתּם ייִד אפֿשר נישט וויסן, פּונקט ווי נאָר דעם מומחה וועט זייַן באַוווּסט די טייַטש פֿון אַרכאַישע באָטאַנישע טערמינען. מיט שפּעלט צי קטנית וועט זיך אַן עצה געבן נאָר דער, וואָס ר'איז געגאַן אין חדר צי ישיבֿה. אַנדערע טערמינען, ווידער, זענען באַוווּסט נאָר דעם, וואָס ר'איז געגאַן אין אַ וועלטלעכער ייִדישער שול.

געווי איז, הייסט עס, אַ מיטל פֿון שפּראַך־באַרייַכערונג פֿאַר „ר׳ ישׂראל״. דאָ וועט מען קענען געפֿינען די תּשובֿה אויף דער אייביקער שאלה „ווי זאָגט מען אויף ייִדיש?״. אויפֿן פֿרעגער וואַרט דאָ דער תּירוץ אויף הונדערטער טערמינאָלאָגישע קשיות אַ סך מאָל געפֿרעגטע, זעלטן געפֿרעגטע, אפֿשר נאָך כּלל נישט געפֿרעגטע, און אַזוינס וואָס סע וואָלט גראַדע גאָר אויף דער מחשבֿה נישט געקומען צו פֿרעגן, ווען נישט – אַ ספּעציעלער איינקוקבוך וואָס האָט כּמעט דאָס גאַנצע ווערטערוואַרג צונויפֿגעקליבן פֿונעם בעל־מקשנס וועגן. נישט נאָר אויסברייטערן דעם ווערטער־אוצר פֿונעם יחיד זע'מיר אויסן, נאָר אויך פֿונעם גאַנצן שפּראַך־ציבור.

יאָ, דורך ר׳ ישׂראלן וועט אויך דער כּלל ישׂראל נהנה זייַן. געווי איז בכּוונה־תּחילה אויסן צו פֿאַרבאַוווּסטיקן גאַנץ „ייִדישלאַנד״ אויפֿן ענין ייִדיש־באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע: זאָל מען וויסן, זאָל מען זיך דערמאָנען, אַז אויף מאַמע־לשון איז עס נישט „טעמייטעס״, „טשעריס״, „אַפּריקאָטס״, „פּיטשעס״, „בלובעריס״, „בלעקבעריס״, „רעזבעריס״, צי ווי זיי הייסן דאָרטן אויף ענגליש, שפּאַניש און אַזוי ווייַטער, נאָר פּאָמידאָרן (צי טאָמאַטן, פּאַראַדייַעס, טרייפֿענע עפּל א״אַ), קאַרשן (צי קערשן), אַפּריקאָסן (צי פּריקאָווזן), פֿערעטשקעס (צי פֿערשקעס, פּאַרזשעכעס) און נאָך און נאָך.

די דעסקריפּטיווע לינגוויסטיק וועט פֿון געווי געווינען אַ כּמעט פֿולן אינווענטאַר פֿונעם ייִדישן עטנאָבאָטאַנישן באַגאַזש, וואָס ר'איז אַ סך, אַ סך גרעסער ווי מע וואָלט זיך אין פֿלוג געקענט ריכטן. ווען מען וואָלט זיך אַפֿילו געחלומט, אַז אין אונדזער שפּראַכשייַער ליגן איינגעשפּייַכלערט – אויב מע רעכנט אויך די רעגיאָנאַלע, היסטאָרישע און סטיליסטישע וואַריאַנטן און סינאָנימען – טויזנטער נעמען פֿון געוויקסן? ווען מיר וואָלטן נישט אויסגעניצט די אַלע מקורים, וואָס מיר האָבן זיך צו זיי דערשלאָגן, ווי וואָלטן מיר געוווּסט, אַז – אַרייַנרעכענענדיק אויך סינאָנימען און וואַריאַנטן – האָבן ייִדישע סאַדאָווניקעס, אַגראָנאָמען, אויפֿסהענדלערס געהאַט אין זייער רשות דעם טערמינאָלאָגישן פֿאַרמעג אָנצורופֿן בייַם נאָמען 189 (!) סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן עפּל, צוועלעף סאָרטן אַרבעס, וכדומה[2]. נעמט ווי אַ משל באַרן, האָבן מיר: אונגערישע

2) די רשימה האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן האָט, צום באַדויערן, נישט געקענט אַרייַנגיין אין דעם באַנד – ייִוואָ

באַרן, אוסוריִישע באַרן, אילינקע, אינקעבאַרלעך, אָנזוימענדיקע, אָקרענגליצעס, באַבעס, באַבעבאַרן, באָרוויל, בושקעס, בײַביקע באַרלעך, בערגאַמאָטן, בערעס, בערעטשקעס און נאָך און נאָך – אין איינעם 240 (!) האַנדל־סאָרטן און גאָרטן־וואַריעטעטן (אַרײַנגערעכנט זייערע סינאָנימען און וואַריאַנטן).

די ייִדישע פּאָעטיק, ווידער, וועט אָפּשפּאָרן אַן אַרומנעמיקן סך־הכל פֿון די באָטאַנישע אימאַזשן, די כמו־געוויקסן, אי די פּשוט־פֿאָלקישע ( פֿראָסטבלומען א״אַ), אי די ליטעראַרישע „געוויקסן" – אין די הונדערטער.

לסוף: דער נאָרמאַטיווער צוגאַנג. כמעט אַלע ייִדישע פֿילאָלאָגן[3] – פֿון י.־מ. (שיִע־מאָטל) ליפֿשיץ איבער בער באָראָכאָוו, נח פּרילוצקי, אליהו אָלשוואַנגער, נ. שטיף, מ. ווײַנרײַך, ז. רייזען, ז. קלמנאָוויטש, עליע ספּיוואַק אאַז״וו ביזן נאָכחורבנדיקן דור פֿילאָלאָגן (חיים גינינגער, אוריאל ווײַנרײַך און דער שרײַבער פֿון די שורות) – האָבן כמה־וכמה מאָל אַרויסגעהויבן דאָס חשיבֿות פֿון דער לעקסישער אויסברייטערונג פֿון מאַמע־לשון: מע זאָל וועגן איטלעכן פֿעלד פֿון מענטשלעכן לעבן און שאַפֿן קענען רעדן און שרײַבן אויף ייִדיש. במילא – אויסברייטערן אונדזער באָטאַנישן וואָקאַבולאַר אויך. נעמען פֿאַר די געוויקסן פֿון מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע פֿאַרמאָגט מאַמע־לשון אַ שלל; סע האָבן אָבער געפֿעלט די טערמינען פֿאַר די געוויקסן פֿון צפֿון־ און דרום־אַמעריקע, ארץ־ישׂראל (חוץ די סאַמע באַוווּסטסטע: מאַראַנצן, לימענעס (און נאָך עטלעכע), ווי אויך די לאָקאַליזמען וואָס מיר דערמאָנען אינעם קאַפּיטעלע „אַלטס און נײַס אין דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע", דאָ ווײַטער), אויסטראַליע, דרום־אַפֿריקע, ד״ה פֿאַר דער פֿלאָרע פֿון די „נײַע" מאַסן־ייִשובֿים. (מיר „באַפֿיסלען" דאָ דאָס וואָרט נײַע, וואָרן דער ייִדיש־רעדנדיקער קיבוץ אין ארץ־ישׂראל איז דאָך שוין העכער פֿינעף הונדערט יאָר אַלט, און ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן לעבן אין צפֿון־אַמעריקע – זינט 1654.)

במילא איז אונדז אויסגעקומען אין געוויי צו דערברענגען צון אַ רעלאַטיוון גמר די אַרבעט, וואָס שיִע־מאָטל ליפֿשיץ האָט אָנגעהויבן אין זײַנע ווערטערביכלעך (מיט אַזוינע נעאָלאָגיזמען ווי שלייפֿגראָז), מענדעלע אין זײַן דער לופֿטבאַלאָן (אײַנגעפֿירט באַאָבאַב), דער קול מבֿשׂר מיט ברויטבוים, וועלינגטאָניע א״אַ – די געאָגראַפֿישע אוניווערסאַליזירונג פֿון דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע. אין אַ היפּשער צאָל פֿאַלן איז אונדז פֿונדעסטוועגן אויסגעקומען צו פֿאַרפֿולן לעקסישע בלויזן.

אַ כּלל, געוויי איז אי אַ דעסקריפּטיווער אײַנקוקבוך, אי אַ נאָרמאַטיווער, אי אַ מיטל פֿון אומדירעקטן שפּראַך־לימוד, אַ שפּראַך־פּעדאַגאָגישער מכשיר פֿאַרן יחיד און פֿאַרן כּלל.

---

3) מיר האַלטן זיך דאָ דערווײַלע מיטן טראַדיציאָנעלן טערמין **פֿילאָלאָג**, כאָטש הײַנט איז עס – דערעיקרשט אין אַמעריקע – כּמעט אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿון **לינגוויסט**.

# 2. הקדמה

ביז ס׳האָט זיך באַוויזן אויף דער ליכטיקער שײַן, האָט דאָס איצטיקע אײַנקוקביכל דורכגעמאַכט עטלעכע גילגולים. אָנגעהויבן האָט זיך עס ווי אַן ענגערער פּראָיעקט „נעמען פֿון ביימער און קשאַקעס", וואָס די טעאָרעטישע טייל זײַנע האָט זיך געדרוקט אינעם זשורנאַל ייִדישע שפּראַך (ב׳ XXVI, 1966, זז׳ 65־80). האָט אָבער קהל פּראָטעסטירט: וואָס עפּעס נאָר ביימער און קוסטעס? און וווּ איז קווייטן? און גאָרטנוואַרג (ספּעציעל די נײַע וואָס אין מיזרח־אייראָפּע האָט מען פֿון זיי נאָך נישט געוווּסט)? און מיר אַליין האָבן צוגעגעבן: נו, און די וואַסערגעוויקסן, וואָס אַ. גאָלאָמב האָט זיי אײַנגעפֿירט אין ייִדיש? און די שוועמלעך? און די רפֿואהדיקע געוויקסן – ווי וועט מען קענען פֿאַרשטיין די ייִדישע פֿאָלקמעדיצינישע ביכלעך און כּתבֿ־ידן, אויב מיר וועלן נישט אויפֿקלערן די טײַטש פֿון די שייכדיקע טערמינען? און ווי קען מען אין דער הײַנטיקער ציוויליזאַציע איגנאָרירן סײַ די אינדוסטריעלע געוויקסן, וואָס די אין ראַטן־פֿאַרבאַנד געדרוקטע ייִדישע טעכנאָלאָגישע, געאָגראַפֿישע און באָטאַנישע ליטעראַטור איז מיט זיי פֿול, סײַ די וואָס זענען צוגעקומען די פֿאַרגאַנגענע עטלעכע צענדליק יאָר? און בכלל די טערמינען וואָס תּלמידים אין די ייִדישע שולן אין מיזרח־אייראָפּע האָבן געלערנט?

אַ כּלל, ס׳איז געבליבן אויסצוברייטערן דעם היקף אַזוי, אַז סע זאָל ווערן אַן אַרומנעמיקע באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע. איז דאָך גוט, טויג ערשט נישט. ווען די קלײַבסטאַדיע האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז צו אַרומנעמיק – דער אָנגעקליבענער מאַטעריאַל איז געווען אַזוי קאָלאָסאַל, דאָס ווערטערוואַרג אַזוי אין־סופֿיק וואַריִרט, אַז ס׳איז אונדז באַפֿאַלן אַן אימה: אין לדבֿר סוף. ווער ווייסט צי דעם צונויפֿשטעלער וועט געראָטן דאָס ווערק צו פֿאַרענדיקן?

איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה ווי כאָטש אַ ביסל אײַנצושמעלערן אונדזער ציל און איבערלאָזן די הונדערטער אָנגעקליבענע אײנסן פֿון די שטחים פֿון געוויקסן־מאָרפֿאָלאָגיע, ־אַנאַטאָמיע, ־פֿיזיאָלאָגיע, ־עקאָלאָגיע, ־געאָגראַפֿיע און ־גענעטיק, ווי אויך פּאַלעאָבאָטאַניק פֿאַר אַ שפּעטערדיקן כּוללדיקן פּראָיעקט: טערמינאָלאָגיע פֿון לעבן־וויסנשאַפֿטן אין ייִדיש. דורך אַרויסלאָזן אָט די שטחים האָבן מיר אין דער לעצטער סטאַדיע זיך באַנוגנט דערעיקרשט מיט די נעמען פֿון געוויקסן, דאָס הייסט סע האָט זיך באַקומען אַ פֿיטאָטאַקסאָנאָמישע טערמינאָלאָגיע אי פֿון אַ דעסקריפּטיוון קוקווינקל, אי פֿון אַ נאָרמאַטיוון.

בעל־מחברשאַפֿט. געווי האָט טאַקע נאָר איין צונויפֿשטעלער, אָבער פֿאָרט

איז עס אין דער בחינה פֿון אַ קאָלעקטיוו ווערק. סע וואָלט נישט געקענט מקוים ווערן, ווען נישט די צענדליקער צונויפֿשטעלערס פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע און געאָגראַפֿישע לערן־ און לייען־ביכלעך, די פֿאַרטײַטשערס און בעלי־מחברים פֿון נסיעות־אָפּמשלונגען, די טערמינאָלאָגן און לעקסיקאָגראַפֿן, די דיאַלעקטאָלאָגן און זאַמלערס פֿון לאָקאַלער לעקסיק. זיי אַלע האָבן צוגעשטעלט אַ פּלייצע בײַם אויפֿשטעלן די ייִדישע באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע. און יענע פּראָזאַיִקערס און פּאָעטן, וואָס זיי האָבן יאָ געזען קאָנקרעטע געוויקסן פֿאַר די אויגן און געשריבן נישט ווי וועגן סתּם „ביימער” און „קווייטן”, נאָר זיי אינדיווידואַליזירט. אַ סך פֿון זיי ווערן דערמאָנט דאָ ווײַטער, אין די אַרײַנפֿיר־טיילן און אין דער ביבליאָגראַפֿיע, און ציטירט אין מקורים־ווײַזער.

דירעקט געהאָלפֿן האָבן אונדז קודם־כּל די צענדליקער אינפֿאָרמאַטאָרן, וואָס זיי האָבן בכּבֿוד־גדול געלאָזט פֿון זיך צאַפּן באָטאַנישע נאָמענקלאַטור (די נעמען זייערע זענען אויסגערעכנט אינעם קאַפּיטל „סימבאָלן, קירצונגען און מקורים: ביבליאָגראַפֿיע און אינפֿאָרמאַטאָרן”). געוועזן צו הילף איז מען אונדז אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים: טייל האָבן געשאָנקען אַ ביכל (לייבל כּהן, משה־שמואל בורגין, י. פּושעט, חנהלע בולער). אַנדערע האָבן צוגעשיקט נעמען פֿון געוויקסן, אויפֿגעקלערט טײַטשן אָדער ביבליאָגראַפֿישע פּרטים: פּראָפֿ׳ ר. אויסטערליץ, צבֿי און יהודיתקע אײַזנמאַן, הירש אָשעראָוויטש, פּראָפֿ׳ טעוויע בוירד, ד״ר הערשל גלעזער, מאיר הורוויץ, נחמה ווײַנער, בינה סילווערמאַן־ווײַנרײַך, אַ.־ל. טאַב, צבֿי טלשיר, הרבֿ חיים ליבערמאַן, שׂרה זילבערמאַן, ד״ר י. ניבאָרסקי, שמואל נײַדאָרף, י. עלבערג, ד״ר רחמיאל פּעלץ, אליעזר פֿרענקעל, ד״ר בערל קאַבאַק, לאה ראָבינסאָן, יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל, ז. שניאַדאָווער, עלי שעכטמאַן. מיט טעכנישע עצות בנוגע קאָמפּיוטערײַ איז אונדז געווען צו הילף אָדם ווײַטמאַן. אַחרון־אַחרון – ווען נישט די אוצרות פֿון דער ייִוואָ־ביבליאָטעק און ־אַרכיוו, וואָלט געווי געוועזן אַ סך אָרע־מער. אַרויסהייבן מוזן מיר דאָ ווײַטער: דינה אַבראַמאָוויטש, משה־זכריה בעקער און איציק גאָטעסמאַן.

רעדאַקציאָנעל צוגעלייגט אַ האַנט האָבן: אוריאל ווײַנרײַך, וואָס ער האָט נאָך באַוויזן צו דערלייענען די ערשטע ווערסיע פֿונעם פּראָיעקט „נעמען פֿון ביימער און קשאַקעס” ביז Cupressus sempervirens, אַ וואָך איידער ער האָט זיך אַזוי טראַגיש פֿרי געפֿעלט; ווי אויך מ.־מ. שאַפּיר און – איר צו לאַנגע יאָר – ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן, וואָס זיי האָבן אַדורכגעלייענט דעם גאַנצן כּתבֿ־יד פֿון די אַרײַנפֿיר־טיילן און געמאַכט וואָגיקע אָבסערוואַציעס.

ספּעציעל וואָלט איך געוואָלט אַרויסהייבן עטלעכע מענטשן, וואָס אָן זיי וואָלט געווי אָדער אין גאַנצן נישט צו שטאַנד געקומען, אָדער געהאַט אַן אַנדער פּנים: אין דער ערשטער סטאַדיע (1963־1967) – מײַן ווײַב, טשאַרנע שעכטער, וואָס אין איינעם מיט איר האָב איך זיך אַרײַנגעלאָזט אין דער וועלט פֿון געוויקסן – געגאַן אין באָטאַנישע גערטנער, ווי אויך אין פּאַרקן, וועלדער, געלייענט באָטאַנישע ליטעראַטור; אין אַ ווײַטערדיקער סטאַדיע (אין משך פֿון דריט האַלבן יאָר אינטענסיווע האָרעוואַניע, 1980־1982) – איידל שעכטער (הײַנט: רעזניק), וואָס זי האָט מיט אַן התמדה, פּינקטלעכקייט, פֿאַרלאָזלעכקייט און עקספּערטישקייט, וואָס כ׳בין פֿאַר זיי אַלע מאָל פֿון ס׳נײַ נתפּעל געוואָרן, אויסרעדאַקטירט דעם נישט־גרינגן מאַטעריאַל. אין 1983־1984 האָט בנימין שעכטער געהאָלפֿן רעדאַקטירן און אויסטיפּירן אַן ערשטן נוסח פֿון די ערשטע עטלעכע צענדליק זײַטלעך פֿונעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער; אין 86/1985 איז שושנה וואָלקאָוויטש

אַדורך דעם געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער און די ביבליאָגראַפֿיע און זיי פֿאַר־אײנהייטלעכט לויט די פּרינציפּן וואָס דער בעל־מחבר האָט איר אָנגעוויזן; אין די זומערס פֿון 1987־1993 האָט דוד בראַון אָט די אַרבעט אויסגעענדיקט, אָנגעשריבן פֿאַר דער ענגלישער טייל פֿון געוויי די אינסטרוקציעס פֿאַרן באַניצער און אָפּגע־קלאַפּט אין אַ פֿאָטאָגרייטער פֿאָרעם דעם מאַטעריאַל וואָס גייט אַרײַן אינעם ערשטן באַנד געווי, צום טייל אויף אַן עלעקטראָנישער שרײַבמאַשין, צום טייל אויף אַ קאָמפּיוטער.

ועל־כּולם מוז מען נאָכזאָגן גאָר אַ גרויסן שבֿח דעם שטילן און איידעלן בויער פֿונעם ייִדישן קולטור־בנין תּנחום [טאַכנע] ברײַסן ע״ה, וואָס ער האָט דורך זײַן ברייטהאַרציקער סובסידיע דעם ייִוואָ געגעבן דעם געהעריקן פֿינאַנציעלן און מאָראַלישן שטויס, אַז דער היסטאָרישער פֿאַרמעסט זאָל אַרויס מן הכּוח אל הפּועל. נישט ווינציקער וויכטיק איז געווען זײַן טאַטישע זאָרג, זײַן האַרציק אונטער־טרײַבן דעם צונויפֿשטעלער: „נו, ווען וועל איך שוין דערלעבן דאָס בוך?״

אויך די פֿונדאַציעס א״נ יהודה זעליטש, מאיר און ציפּע פּרוכטבוים, בנימין שעכטער און דער שמואל־ און סימע קאַפּלאַן־פֿאָנד בײַ דער ייִדיש־ליגע האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן צו שטײַער, כּדי געוויי זאָל דערזען די ליכטיקע שײַן.

ווײַטער, דאַרף מען לשבֿח דערמאָנען דעם פֿינאַנציעלן צושטײַער פֿון אַ צאָל יחידים: שעלבי שאַפּיראָ, ווי אויך וועלוול אַרצט, ד״ר דובֿ־בער גוראַלניק און ד״ר מאָטל פּרץ (לזכרון זײַן מאַמע, עלקע פּרץ, פֿון דער היים וועבערמאַן, אונדזער אינפֿאָרמאַנטקע פֿאַרן שטעטל לעווערטעוו).

# 3. אַרײַנפֿיר:
# וועגן באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע

## א) דער נאָמען פֿון אַ געוויקס

איטלעכער מענטש האָט אַן אייגענעם נאָמען, וואָס ער שטעלט זיך צונויף לכל־הפּחות פֿון צוויי טיילן: דער ערשטער נאָמען (אין אייראָפּע – פּשוט: נאָמען, אָדער כּשרער נאָמען), און דער פֿאַמיליע־נאָמען (בײַנאָמען, פֿאַמיליע, דײַטשער נאָמען). אויך איטלעכס געוויקס האָט זײַן אייגענעם צווייגלידיקן (binomial) אָדער מערגלידיקן ליטײַנישן (פּינקטלעכער: גרעקיש־ליטײַנישן) וויסנשאַפֿטלעכן נאָמען. די ערשטע טייל פֿונעם צווייגלידיקן טערמין איז דער נאָמען פֿונעם מין (genus). די צווייטע טייל איז דער צוגאָב, וואָס ער ספּעציפֿיצירט דעם זגאַל (species); אָט דער צוגאָב איז אַן אַדיעקטיוו אָדער אַ פּרט־נאָמען אין פּאָסעסיוו.

נו, און אין די באַזונדערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן: ייִדיש, ענגליש, רוסיש, שפּאַניש? אויך דאָ זענען דאָ צוויי־ און מער־גלידיקע נעמען. מייִנסטנס, אָבער נישט תּמיד. אַ משל: ווײַסיאָדלע (Silverfir) Abies alba. דער מין־נאָמען אין ליטײַניש, ווי געזאָגט, איז דאָס ערשטע גליד (Abies). אין ייִדיש און אין ענגליש איז עס אָבער דאָס צווייטע: יאָדלע און fir. דער ספּעציפֿיצירנדיקער צוגאָב איז, הייסט עס, אין ליטײַניש דאָס צווייטע גליד (alba) און אין ייִדיש און ענגליש – דאָס ערשטע (ווײַס, silver). אַ כּלל, ביידע טיילן אין איינעם זענען דער נאָמען פֿונעם געוויקס, אָבער דער סדר איז אַנדערש פֿון לשון צו לשון.

אַ ווײַטערדיקער טראָט: דער מין צעטיילט זיך אַ מאָל אויף אונטערמינים (sub-genus), אַ זגאַל – אויף אונטערזגאַלן (sub-species), וואַריעטעטן (variety), אונטערוואַריעטעטן (sub-variety) און פֿאָרמעס (form). דער נאָמען פֿונעם געוויקס האָט דעמאָלט דרײַ, פֿיר אָדער אַפֿילו פֿינעף גלידער: יאַפּאַנישע ווײַסע בערעזע – Betula platyphylla japonica.

ביז איצט איז עס געווען לפֿי־ערך גרינג: איטלעכס גליד פֿון די צוויי־ און מער־גלידיקע ליטײַנישע נעמען האָט אין ייִדיש און אַנדערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן צוויי־ און מער־גלידיקע עקוויוואַלענטן, איז זעט מען קלאָר אַרויס די צווישנשפּראַכיקע עקוויוואַלענץ פֿון די גלידער. פֿאַראַן אָבער אַ סך פֿאַלן, ווען קיין

עקוויוואַלענץ איז נישטאָ:

1) ווען דער נאַציאָנאַלער (ייִדישער, ענגלישער, רוסישער אאַז״וו) טערמין איז אַן איינגלידיקער (monomial) (אַ שטייגער: באַרעוויק) אַקעגן דעם צווייגלידיקן ליטײַנישן (Boletus edulis).

2) ווען דער מין־נאָמען אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך איז אַ צווייגלידיקער (מיר ריכטן זיך דאָך, אַז דער נאָמען פֿון דעם מין זאָל זײַן איינגלידיק): אין ייִדיש דערעיקרשט די געוויקסן־מינים, וואָס זיי זענען צונויפֿהעפֿטן מיט ־באָרד, ־בוים, ־בלאָט אאַז״וו.

3) ווען דער זגאַלנאָמען אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך האַלט טאַקע צוויי עלעמענטן און סע זעט אויס ווי איינער פֿון זיי איז דער נאָמען פֿונעם מין, און איינער – דער ספּעציפֿיצירנדיקער צוגאָב, בשעת אין דער אמתן איז עס אַנדערש. בעבלעך אינעם נאָמען חזירשע בעבלעך איז נישט דער נאָמען פֿונעם מין און סע קער זיך נישט אָן מיטן מין באָב צי פֿאַסאָליע (Phaseolus; Vicia). ס'איז גאָר אַן אומטייליעוודיקער עלעמענט פֿונעם ייִדישן נאָמען פֿון אַן אַנדער געוויקס (Hyosciamus niger). אויך בײַ משוגע־קאַרש איז קאַרש פֿאַרפֿירעריש, נישט קיין אָנווײַז אויפֿן מין, וואָרן משוגע־קאַרש קער זיך נישט אָן מיטן קאַרשנבוים (Prunus cerassus). ס'איז גאָר דער נאָמען פֿון לחלוטין אַן אַנדער זגאַל (Atropa belladonna).

אַ סך מאָל איז אויך נישטאָ קיין עקוויוואַלענץ בײַ די נעמען פֿון גאָרטן־וואַריעטעטן און האַנדל־סאָרטן פֿון אויפּס, גאָרטנוואַרג, תּבֿואות. זיי האָבן דאָך בדרך־כּלל נישט קיין ליטײַנישע נעמען. אונגערישע פֿלוימען, כאַפּן מיר אָן, איז אַ באַוווּסטער סאָרט, מיט אַן אייגענעם נאָמען אין כּלערליי אייראָפּעיִשע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, אָבער קיין ליטײַנישן נאָמען פֿאַרמאָגט ער נישט (על־כּל־פּנים אין די הײַנטיקע נאָרמירטע מקורים; אַמאָליקע יאָרן איז עס אין האַנטביכלעך געווען פֿאַרצייכנט ווי Prunus hungarica. במילא ברענגען מיר עס נאָר אינעם געוויקסן־און מקורים־ווײַזער, נישט אינעם ליטײַניש־ענגליש־ייִדישן ווערטערביכל, וווּ די נעמען זענען אויסגעשטעלט לויט די ליטײַנישע טערמינען. אַז אַ געוויקס האָט נישט קיין ליטײַנישן נאָמען, קען מען עס דאָך נישט אויסרעכענען אין אַ ווערטערביכל, וווּ ליטײַניש איז דאָס אַרויסגיי־לשון.

## ב) די צוגעהעריקייט פֿון אַ געוויקס

לאָמיר נעמען אַ פּיקטיוון העלד, פֿרויקע שטיינבאַרג פֿון טאָלנע (אין אוקראַיִנע). איזן איז ער, ווי איטלעכער בן־אָדם, אַ וועלט פֿאַר זיך, אָבער אין איין וועגס – אַ מיקראָסקאָפּיש שרײַפּעלע אין אַן אין־סוף־יִק גרויסער מאַשין: דער מענטשלעכער מין. צווישן דעם מענטשלעכן מין און צווישן פֿרויקע שטיינבאַרג קומען אַלץ קלענער ווערנדיקע רעדלעך – קלאַסיר־גרופּעס. דער מענטשלעכער מין צעטיילט זיך דאָך אויף ראַסעס, פֿעלקער, שבֿטים, קלאַנען, משפּחות. בײַ אַ סך פֿעלקער, די אַנטוויקלטערע, זענען קיין שבֿטים און קלאַנען נישטאָ, דערפֿאַר אָבער – רעליגיעזע און אידעאָלאָגישע קלאַסיר־קאַטעגאָריעס. הײַנט ווּו זענען עקאָנאָמישע קלאַסן? און מלוכישע צוגעהעריקייט? אַ כּלל, פֿרויקע שטיינבאַרג

געהערט צו דער ווײַסער ראַסע, צום ייִדישן פֿאָלק, אַשכּנזישע סובקולטור (אָדער אפֿשר בעסער: צו דער ייִדישער ציוויליזאַציע, אַשכּנזיש פֿאָלק, וואָלינער סובקול־טור?), טאָלנער קהילה, משפּחה שטיינבאַרג. דערצו איז ער נאָך אַ בראָסלעווער חסיד.

לאָמיר לאָזן שטיין דאָס משל פֿריִקע שטיינבאַרג און זיך נעמען צום נימשל – די קלאַסיר־סיסטעם פֿון געוויקסן. אויך זיי צעטיילן זיך דאָך אויף אַלץ קלענער ווערנדיקע קאַטעגאָריעס. מיר וועלן נעמען ווי אַ משל דאָס געוויקס קריכיקער ראַנונקל. אָט איז זײַן סיסטעמאַטיש צוגעהעריקייט:

| | |
|---|---|
| אָפּטייל: זוימען־געוויקס | *Division*: Spermatophyta |
| אונטעראָפּטייל: דעקזוימיקע | *Subdivision*: Angiospermae |
| קלאַס: צווייטייליקע | *Class*: Dicotyledonae |
| סדר: ראַנונקלישע | *Order*: Ranunculales |
| משפּחה: ראַנונקלדיקע | *Family*: Ranunculaceae |
| מין: ראַנונקל | *Genus*: Buttercup |
| זגאַל: קריכיקער ראַנונקל | *Species*: Creeping Buttercup |

בײַ טייל געוויקסן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוווּנקען, זענען דאָ ווײַטערדיקע צווישנשטאַפּלען: אונטערמין (צווישן מין און צווישן זגאַל), אונטערזגאַל (צווישן זגאַל און צווישן וואַריעטעט), וואַריעטעט *variety*, אונטערוואַריעטעט און פֿאָרמע. מיינסטנס שטעלט מען זיך אָבער אָפּ בײַ זגאַל, ווי דעם קלענסטן קלאַסיראיינס.

אין אַ פֿריִערדיקער סטאַדיע אין דער היסטאָריע פֿון דער ייִדישער טערמינאָ־לאָגיע האָט מען דעם קלאַסיראיינס משפּחה געררופֿן אויך פֿאַמיליע, און מין און זגאַל – אָדער מיט די דײַטשמערישע „אַרט״ און „גאַטונג״, אָדער מיט די גלאַט טעותדיקע טערמינען („אונטערמין״ פֿאַר species!). פֿאַמיליע איז נאָך הײַנט דערלאָזלעך, אָבער „אַרט״, „גאַטונג״ צי גאָר „אונטערמין״ פֿאַר species – נישט. אונטערמין האָט זיך דאָך שוין זײַן פֿונקציע: ס'איז sub-genus, פּונקט ווי אונטערזגאַל איז sub-species, און אונטערוואַריעטעט – sub-variety. מע טאָר זיי נישט צונויפֿפּלאָנטערן, פּונקט ווי מע טאָר אונטערקאָלאָנעל נישט ניצן פֿאַר major, וואָרן אונטערקאָלאָנעל איז דאָך lieutenant colonel.

## ג) אַלטס און נײַס אין דער ייִדישער באָטאַנישער נאָמענקלאַטור

פֿאַראַן צוויי טעותדיקע צוגאַנגען צום ענין ייִדישע באָטאַנישע טערמינאָלאָ־גיע: איין מיינונג – אַ ברייט פֿאַרשפּרייטע – אַז ייִדיש האָט בכלל כּמעט נישט קיין נעמען פֿון געוויקסן, און אויב איר פֿרעגט „היתּכן – דעמב, סאָסנע?״, וועט מען אײַך מסתּם אָפּענטפֿערן „עט, רוסישע ווערטער״. די לינגוויסטיש נאַיִווע, אָבער כּמעט אוניווערסאַלע, השׂגה בײַ ייִדן איז דאָך, אַז ווערטער פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם זענען נישט ייִדיש, נאָר „פּויליש״ און „רוסיש״. און די לשון־קודש־שורשדיקע זענען דאָך אַוודאי „העברעיִשע ווערטער״. אַז זיי אַלע זענען גאָר ייִדיש, דאָס פּאַטויפּעט זיך ר׳ ישׂראלן עפּעס נישט אין קאָפּ. מע מיינט, אַז זיי זע־נען „רוסיש, פּויליש, העברעיִש״, אַפֿילו אויב איר ווײַזט זיי אָן, אַז אויף רוסיש,

פּויליש צי עבֿרית ניצט מען גאָר אַנדערע ווערטער פֿאַר דער שייכדיקער זאַך. סע העלפֿט נישט. אַן אײַנרעדעניש איז אַרגער פֿון אַ קרענק.

די צווייטע מיינונג – פֿאַרשפּרייט בײַם שמאָלן קרײַז, וואָס ער ווייסט יאָ, אַז ייִדיש פֿאַרמאָגט אַ באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע – איז, אַז ייִדיש האָט כּמעט נישט געהאַט קיין נעמען פֿון געוויקסן ביז די וועלטלעך ייִדישע שול־באַוועגונג, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיי אײַנגעפֿירט. אויך די דעה איז נישט גערעכט. די גאַנצע עלטערע ליטעראַטור העט־העט פֿון די עלטסטע גלאָסעס אָן, איבער דער שאלות־ותשובֿות־ליטעראַטור, די מינהגים־ביכלעך, די הגדות מיט זייערע ייִדישע אינסטרוקציעס ווי צו פֿירן אַ סדר – זענען פֿול מיט ייִדישע נעמען פֿון תּבֿואות, גאָרטנוואַרג, אויפּס. אינעם גלאָסאַר צום ערוך קטן (1290) האָט דער שרײַבער פֿון די שורות אָנגעציילט 19 געוויקסן־נעמען. די פֿאָלקס־מעדיצינישע ליטעראַטור איז אָנגעשפּיגעוועט מיט נעמען פֿון רפֿואהדיקע געוויקסן. סאַסעפּראַס, למשל, וואָלט אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר הײַנט אָדער אין גאַנצן נישט געוווּסט, אָדער עס געהאַלטן פֿאַר אַן ענגליש וואָרט; ס'איז אָבער שוין דאָ אין שער אפֿרים אין 1728 און מסתּם פֿריִער אויך. אינעם פֿאָלק־מעדיצינישן ביכל באר מים חיים פֿון ישׂשכר־בער טעללער (פּראָג, אַרום 1650) האָט דער ווידעראַרויסגעבער, ד"ר אַבֿרהם טעללער (נ"י, 1988), אויסגערעכנט 133 זגאַלן מעדיצינישע געוויקסן (זז' 111־116). אַפֿילו אָן די כּלערליי שרײַבוואַריאַנטן האָט מערבֿ־ייִדיש – די רעדענישן פֿון עלזעס, דײַטשלאַנד, פּיים (ביימען), האָלאַנד, עסטרײַך אאַז"וו – געקערט פֿאַרמאָגן העכער 200 נעמען פֿון געוויקסן. אויב מע זאָל נאָך צורעכענען שרײַב־וואַריאַנטן אינעם ערשטן ליטעראַרישן ייִדיש, וואָס ס'איז דאָך געווען באַזירט אויף אָט די רעדענישן, איז די צאָל אַ סך גרעסער.

אין אַכצעטן און נײַנצעטן יאָרהונדערט איז, כּידוע, פֿירגעקומען אַ שטיקל שפּראַכיקע רעוואָלוציע: אי דאָס גערעדטע מערבֿ־ייִדיש, אי דאָס ערשטע ליטעראַרישע ייִדיש – די שפּראַך פֿון אליהו בחור, גליקל האַמל אאַז"וו – זענען אַוועקגעקומען (ס'ערשטע – צום גרעסטן טייל, ס'צווייטע – אין גאַנצן) און ס'איז אויפֿגעקומען דאָס מאָדערנע ליטעראַרישע ייִדיש, באַזירט אויף מיזרח־אייראָפּעיִשע דיאַלעקטן: דאָס „וואָלינער" ייִדיש, דאָס „ליטווישע" און דאָס „פּוילישע". די נײַע באָטאַנישע נאָמענקלאַטור שפּיגלט אָפּ אָט דעם געאָגראַפֿישן איבעררוק. פּיטרזיל (פּעטערזיל? פּעטערזײַל?) ווערט נעלם און זײַן אָרט פֿאַרנעמט פּעטרישקע. אייכעבאָם (די מערבֿ־ייִדישע פֿאָרמע איז דאָך באָם, מאָד, לאָפֿן, קאָפֿן און נישט בוים, מויד, לויפֿן, קויפֿן) ווערט אַרויסגעשטופּט פֿון דעמב, ווײַקסל – פֿון ווײַנשל.

אין דער אייגענער צײַט – אין 18טן און 19טן י"ה – אַגראַריזירן זיך ייִדן אין דער כערסאָנער גובערניע, פּאָדאָליע, באַסאַראַביע, גאַליציע, קאָנגרעס־פּוילן, ליטע און רײַסן. אָדער זיי באַזעצן זיך קאָלאָניעסווײַז, אָדער ביחידות – אין פֿאַרזיכדיקע באַלעבאַטישקייטן. אין 1899 האָבן דאָך אין רוסלאַנד 10,721 ייִדישע משפּחות מיט 68,959 נפֿשות זיך פֿאַרנומען מיט אַגריקולטור, אין 301 ייִשובֿים אויף אַ סך־הכּל פֿון 100,107 דעסיאַטין ערד.[1] סוף נײַנצעטן יאָרהונדערט און די

1) די ציפֿערן ברענגען מיר לויט דער טאַבעלע אין: מ. וועללער, **ווי מען פֿלאַנצט אַ סאָד**, ווילנע, 1900, זז' 230־238. זי, ווידער, קער זײַן אַ ייִקאַ־סטאַטיסטיק. אַן עקסט אינטערעסאַנטע פֿאָרשאַרבעט אויף אַ שײַכדיקער טעמע האָט אָנגעשריבן שמשון תּפּוח (זען „סימבאָלן, קירצונגען און מקורים" אין דעם באַנד).

ערשטע דרײַ צענדליק יאָר פֿון צוואָנציקסטן קומט צו אויך די אַגריקולטורעלע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל, אַרגענטינע, פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, קרים, בירעבידזשאַן, וואַקסט טאַקע אויס אַ ברייט פֿאַרצווײַגטע אַגראָטעכנישע טערמינאָלאָגיע. ייִדן זענען מוכר־תּבֿואהניקעס, און די פּרײַזקוראַנטן אין קול מבֿשׂר אינפֿאָרמירן מה־יקר בערסאָנער ווייץ, באַנאַטקע, אַרנאַוטקע, אוקראַיִנקע, בערסאָנער גריקע אַאַז״וו. ייִדן נעמען זיך צו גערטנערײַ און סעדערײַ, און די האַנטביכלעך, וואָס לערנען אָט די מלאָכות, און די לערערס פֿון די ייִקאַ־ און אָרט־קורסן און ־שולן, ווי אויך די ייִדישע אַגראָנאָמען פֿונעם אַגראָדזשוינט ברענגען אַרײַן אין ייִדיש אַ שלל מיט נעמען פֿון סאָרטן גאָרטנוואַרג און אויפּס. ייִדן האַנדלען מיט וואַלד, האָבן (אָדער אַרבעטן אין) טאַרטיקעס, זענען שאַפֿערס צי שרײַבערס (= וואַלד־אַדמיניסטראַטאָרן), פֿערשטערס (foresters בלע״ז), סטאָליערס; זיי אַלע קענען גוט דאָס רויוואַרג, וואָס ס׳איז דער יסוד פֿון זייער פּרנסה – ביימערוואַרג און געהילץ. ס׳איז מיר בשעתו אויסגעקומען צו אינטערוויויִרן פֿאַרן ייִדישן שפּראַך־ און קולטור־אַטלאַס אַ ייִדן פֿון זשעביע (אין די קאַרפּאַטן־בערג), ל. איוויער, האָט ער אין איין דעך געגעבן אַ רעכן אויס אַכצן סאָרטן געהילץ! דער זעלביקער האָט אויך איינס־און־צוויי איבערגערעכנט אַ טוץ ייִדישע נעמען פֿון קווייטן! נחום יוד, ווידער, משלט אָפּ און באַזינגט אין זײַנס אַ ליד דאָס שיינקייט פֿון זיבן באַזונדערע שוועמלעך, איטלעכס מיט זײַן אייגענעם נאָמען. אויך אַ פּשוטער ייִד דערמאָנט אין אַ בריוו אין רעדאַקציע זיבן זגאַלן שוואָמען.[2]

פֿינעף הונדערט יאָר רעדט מען שוין ייִדיש אין ארץ־ישׂראל;[3] איז נישט מיין ווי רעכט, אַז אויך דאָרטן זאָל זיך האָבן צעוואָקסן אַ ספּעציפֿיש ארץ־ישׂראלדיק ייִדיש, מיט אַ שפּאָר ביסל נעמען פֿון געוויקסן: אַסקעדיניע, באַטיך (פֿ״גל דאָס העברעיִשע אַבֿטיח), בראַנדזשינע, דאָם, דורע, דזשינאַרע, זאַרורע, זיטונע, טוט, כאַסאַ, לוביע, לימינע [מיט אַ בפֿירושן ״י״־קלאַנג אין צווייטן טראַף], מישמיש, נאַוט (= נאַהיט), פּאָרטעגאַל, פּיניאָנע, פֿיסטוק, קאַלאַוואַסע, קאַנעוואַטע, קאַרעלע, קוסעלע א״אַ. טייל פֿון די טערמינען זענען פֿון אַראַבישן, טערקישן, דזשודעזמישן אָפּשטאַם; טייל, ווידער, זענען פֿונעם ייִדיש פֿונעם אַלטן ייִשובֿ דערנאָכדעם אַריבער אין מאָדערנעם עבֿרית אַרײַן. סומסום האָט, אַגבֿ, אין ייִדיש שוין געגאָלטן נאָך פֿריִער ווי 1650, אַ והאָ־ראַיה: ר׳ משה פּרעגערס דרכי ציון.[4] אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט זענען צוגעקומען אַ צאָל לײַוועטער פֿונעם מאָדערנעם העברעיִש. עטלעכע פֿון זיי רעקאָמענדירן מיר פֿאַרן הײַנטיקן ייִדיש.

קריק צום נײַנצעטן יאָרהונדערט. אויך לאַנג פֿריִער זענען שוין געווען ייִדישע נסיעות־אָפּמשלונגען – אין פֿופֿצעטן און זעכצעטן יאָרהונדערט – אָבער זיי האָבן זיך ווינציקער פֿאַרנומען מיט נאַטור. לאַנגסטיקע צײַטן האָט מען דאָך בײַ ייִדן און בײַ גויים געהאַלטן, אַז זיך מטפּל זײַן מיט דער נאַטור איז מגושמדיק, פּראָסט. די ענגלישע פֿאָרערס אין די אַלפּן פֿלעגן דאָך אַראָפּלאָזן די ראָלעטן

---

**2)** לויט גאַרבער, „אַ ברוקלינער ייִד וועגן היימישע שוואָמען”, **פֿאָרווערטס**, דעם 15טן נאָוועמבער 1972.

**3)** זען די מקורים וואָס אינעם זשורנאַל **ייִדישע שפּראַך** XXXVII (1978־1980), ז׳ 21, הערות 6,5,3,2.

**4)** פֿײגל מאָטל שער, „דאָס לשון פֿון אַ טוריסטן־ווײַזער קיין ארץ־ישׂראל מיט 330 יאָר קריק”, **ייִדישע שפּראַך**, דאָרטן, ז׳ 46.

פֿון די קאַרעטעס, כּדי זיי זאָלן נישט דאַרפֿן זען די בערג מיט די וועלדער![5] דערצו קומט נאָך צו דער ייִדישלעכער צוגאַנג פֿון ביטול־זמן: ווי מעג מען אָפּגעבן צײַט אויף קווייטן און ביימער? מיט דער השׂכּלה קומט אָבער אויך דאָס קלינגוואָרט „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה" – דער גרויסער קער צו דער נאַטור און צו אַגראַריזאַציע, ווי אויך דער אינטערעס פֿאַר דער „וועלט", פֿאַר די לענדער און פֿעלקער מחוץ די דלד־אָמות פֿון ייִדישן לעבן. באַווײַזט זיך טאַקע – ווי פֿריִער אָנגעוויזן – בײַ ליפֿשיצן, בײַ מענדעלען, אין קול־מבֿשׂר אאַז"וו די עקזאָטישע באָטאַנישע וועלט.

ברייטער אין כּמות, אָבער ערגער אין איכות איז דער שטראָם באָטאַניש נײַ־וואַרג אין האַרקאַוויס ווערטערביכלעך פֿון 1891 און 1898 און זײַן געאָגראַפֿיע (1911) – ס'רובֿ גענומען דירעקט פֿון דײַטשישע ווערטערביכלעך, אַפֿילו אויב זיי זענען אין תּוך אַרײַן געווען קריסטלעך („קריסטוס־פּאַלמע", „אָסטערבלום") און אַ ביסל טערמינען קאַלקירט פֿון ענגליש. אייגן, ייִדיש ווערטער־שאַפֿערישקייט – כּמעט גאָרנישט נישט. דערצו זענען נאָך טייל דעפֿיניציעס פֿאַרגרײַזטע. פֿונדעסט־וועגן מוז מען האַרקאַווין נאָכזאָגן אַ שבֿח: ער האָט געהאָלפֿן אויסברייטערן דעם האָ־ריזאָנט פֿונעם ייִדיש־לייענער. דאָס אייגענע – די פּאָפּולער־וויסנשאַפֿטלעכע אַר־טיקלען אין פּרצעס יודישע ביבליאָטעק (וואַרשע 1890, 1891), אין דער ניו־יאָרקער צוקונפֿט און אַנדערע פּובליקאַציעס פֿון סוף נײַנצעטן־אָנהייב צוואָנציקסטן יאָרהונדערט.

אַ קאָלאָסאַלע אויסברייטערונג פֿונעם באָטאַנישן היקף פֿאַרלויפֿט זיך דורך אייבעלסאָנס ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך (1915). די צאָל שייכדיקע טערמינען דאָרטן – אין די הונדערטער. צום באַדויער – אַ ים מיט דײַטשמעריזמען („מוקען־פֿענגער", „אַקער־ווינדע" א"אַ), אומבאַטראַכטערהייט אַרײַנגעשלעפּט אין ייִדיש קריסטוואַרג („קריסט־וואָרצל", „קריסטוס־אַקאַציע", „מאַריען־גראָז", „יודאַס־בוים") און אַפֿילו אַנטיסעמיטישוואַרג („יודען־אויער", „יודענקאַרש", „ייִדן־דאָרן"). דער פּרוּוו אַרײַנצוברענגען אַזאַ סך נײַע טערמינען, דאָס אַליין איז אָבער שוין געווען אַן אויפֿטו, כאָטש די טערמינען גופֿא האָבן ס'רובֿ געהונקען אויף ביידע פֿיס.

הײַנט, די „מיתה־משונהדיקע דעפֿיניציעס"! אַ שטיקל רעקאָרד אין דעם פּרט האָט בײַ אונדז געשלאָגן דרייזינס רוסיש־ייִדיש ווערטערביכל: באַנאַן אָפּגעטײַטשט 'דער אינדישער אַרבוז'! שוין איין מאָל אַ דעפֿיניציע...

און אַ.־ש. זאַקס באָטאַניק (1911, 1916)? דײַטשמעריש. איין גרויסע מעלה האָט עס פֿונדעסטוועגן: סע פּרעזענטירט כאָטש די געוויקסן־וועלט אין אַן איבער־בליקלעכער פֿאָרעם. ס'איז מעטאָדאָלאָגיש בעסער פֿון קאָטיקס פּרוּוו פֿון אַ באָ־טאַניק (פֿונעם יאָר תּר"פּ). שפּראַכיק טויגן זיי אָבער ביידע נישט.

אַ נײַ קאַפּיטל אין דער היסטאָריע פֿון דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָ־לאָגיע הייבט זיך אָן מיט דער וועלטלעכער ייִדישער שול־באַוועגונג אין מיזרח־אייראָפּע. די ערשטע דרײַ ביכלעך פֿון יענער צײַט זענען: העלענע כאַצקעלסנס פּראָגראַם פֿון נאַטורוויסנשאַפֿט, ווילנע, 1918), אַ. גאָלאָמבס פֿאַרטײַטש (קיִעוו, 1919) פֿון באָטשעס האַנטביכל פֿון באָטאַניק (שפּעטער איבערגעאַרבעט ווי גאָלאָמבס אַ ווערק) און ד. האָכבערגס פֿאַרטײַטש (מאָסקעווע, 1920) פֿון אָטאָ שמיילס האַנט־

[5] פֿײַגל היו דענמאַן, „וועגן ליבשאַפֿט און גלײַכגילט צו דער נאַטור", **אויפֿן שוועל**, יולי־דעצעמבער 1983, ז' 28.

ביכל. פֿון דיביידע איז גאָלאָמבס דאָס בעסערע, דאָס ייִדישערע – האָכבערגס איז זיך צו פֿיל סומך אויף דײַטשישער טערמינאָלאָגיע, בעת גאָלאָמב האָט זיך געקענט פֿאַרגינען צו זײַן מער טראַדיציאָנאַליסטיש און ייִדישיסטיש (סאָוועטיש־ייִדישע לינגוויסטן האָבן אים שפּעטער דערפֿאַר קריטיקירט); דערצו נאָך איז אים דער פֿילאָלאָג ז. קלמנאָוויטש געווען צו הילף.[6] גאָלאָמב און קלמנאָוויטש האָבן דענצמאָלט געווױנט אין קיִעוו. אויך העלענע כאַצקעלסנס לשון איז זייער פֿײַן.

די ייִדישע שול־באַוועגונג אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, אָבער דערעיקרשט ראַטן־פֿאַרבאַנד, האָט סײַ אין דער פּראַקטישער קלאַסאַרבעט, סײַ דורך די לערנ־ביכלעך פֿון באָטאַניק, ביאָלאָגיע און געאָגראַפֿיע אײַנגעפֿירט היפּשע עלעמענטן פֿון דער סיסטעמאַטישער באָטאַניק. גאָלאָמב, כאַפּן מיר אָן, האָט אין זײַן ביכל וואַסער־געוויקסן (1923) געשאַפֿן נישט נאָר דעם טערמין פֿאַרן מין געמייזעכצל (פּונקט ווי מע האָט אין עבֿרית געשאַפֿן נהרונית), נײַערט אויך פֿאַר די זגאַלן: גלאַנציקער געמייזעכצל, געקרויזטער ג׳, גערייטלטער ג׳, דורכגעשטאָכענער ג׳, לאַנגער ג׳, פּלאַטשיקער ג׳, קאַמאַרטיקער ג׳, קליינער ג׳ **און** שווימענדיקער ג׳. דערבײַ איז דאָס געווען קרקע־בתולה – די ייִדישע עטנאָבאָטאַניק האָט דאָך כּמעט נישט געהאַט קיין נעמען פֿאַר געוויקסן, וואָס זייער ווױן איז וואַסער.

ווען מע רעדט וועגן די ייִדישע לערן־ און לייען־ביכלעך פֿון באָטאַניק, ביאָלאָגיע און געאָגראַפֿיע, ווי אויך נסיעה־אָפּמשלונגען, דאַרף מען פֿאַרצייכענען כאָטש טייל פֿון זייערע בעלי־מחברים אָדער פֿאַרטײַטשערס (פֿון רוסיש, דײַטשיש, פּויליש אויף ייִדיש), ס׳רובֿ לערערס: י. בורטיאַנסקי, ד״ר ישׂראל ביבער, ש. בראָ־כעס, ש. בריאַנסקי, י. גיליגיטש, ג. גרינבערג, מ. דוואָרקין, מ. דובינסקי, מ. [=מלכּה] חיימסאָן, ז. ווײַסמאַן, י. [=ישׂראל] יאַכינסאָן, העלענע כאַצקעלס, וו.מ. כימיטש, פּ. מינקאָווסקי, י.־ד. נאָוואָגרודסקי, דער נסתּר, אַ. סטרעליץ, עליע ספּי־וואַק, ל. פּרוסמאַן, הענעך קאַזאַקעוויטש, א. קאָטיק, ב. קאָטיק, י. קאַראַ, קולבאַק (נישט דער פּאָעט! ערשטער נאָמען – נישט באַוווּסט), יו. ס. ראַזום, י. ראַפּאַ־פּאָרט, י. שטשופּאַק א״אַ. אַ ספּעציעלע וואַרע ווילט זיך מאַכן פֿאַרן גרויסן בעל־לשון יאַכינסאָן, אַגבֿ: אַ קרבן פֿון סטאַלינס שחיטות סוף דרײַסיקער יאָרן.

די טערמינאָלאָגישע אַרבעט פֿון ייִדישע לערערס האָט אָבער, לפֿי־דעתּי, געקערט זײַן מיינסטנס אַ יחידישע, אַפֿילו ווען ערטערווײַז האָבן, אַ פּנים, אין איר גענומען אַן אײַנטייל גרופּעס, ווי סע קומט, אַ שטייגער, אויס פֿון משה כּצס רייד אין זײַן איבערזעץ פֿון ה. ספּענסערס עוואָלוציע (נ״י, 1920, ז׳ 10) וועגן „די ספּעציעלע טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס[7] בײַ דער קיִעווער קולטור־ליגע און בײַ די

**6)** <u>גאָל</u> 64.

**7)** וועגן דער אַרבעט פֿון די ייִדישע טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס פֿ״גל לייבל כּהנס גאָר אינפֿאָרמאַטיווע אַרבעט אינעם זשורנאַל **ייִדישע שפּראַך**, XXXII (1973), 1־8. חוץ די זיבעצן קאָמיסיעס, וואָס ער רעכנט דאָרטן אויס, קען מען נאָך צוגעבן דאָס קאָמיסיע פֿון צוויי – ד״ר אײַזיק עלקישיק און מענדל מאַרק – וואָס האָט פֿונקציאָנירט אין ליבאַווע (לעטלאַנד) אין 1919־1920 (לויט מענדל מאַרק, **די ייִדיש־וועלטלעכע שול אין לעטלאַנד**, תּ״אָ, 1973, זז׳ 49־51), די קאָמיסיע (י. קאַראַ, הערטאַ דאָנענפֿעלד א״אַ) וואָס האָט אײַנגעשטעלט די באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע פֿאַר די ייִדישע לערנביכלעך פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט און פֿון ייִדיש אינעם נאָכחורבנדיקן רומעניע, און די צוויי־אירעדיקע מאַנשאַפֿט (מרדכי שעכטער און אַבֿרהם־יעקבֿ זאַקס) וואָס האָט צוזאַמענגעאַרבעט בײַם אַרויסגעבן דאָס **ענגליש־ייִדיש[ע] ווערטערביכל פֿון אַקאַדעמישער טערמינאָלאָגיע**, נ״י 1988.

ווילנער שולן", אָדער לויט אסתּר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַנס זכרונות[8]:

> אויף פֿאַראייניהייטלעכן די באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע [בכּלל און פֿאַר בירעבידזשאַן בפֿרט] ווערן פֿאַרבעטן [אין דער טערמינאָלאָגישער קאָמיסיע פֿונעם קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור] י. בורטיאַנסקי, ל. פּרוסמאַן און י. שטשופּאַק.
>
> אַלע דרײַ געהערן צו די קוואַליפֿיצירטסטע און פּאָפּולערסטע מעטאָדיסטן פֿון נאַטור־וויסנשאַפֿט אין דער סאָוועטישער אוקראַיִנע. אַלע זענען זיי מחברים פֿון לערנביכער פֿאַר די ייִדיש־סאָוועטישע שולן און פֿון פּאָפּולערע נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע ביכער פֿאַר דער ייִדישער יוגנט.
>
> די נשמה פֿונעם דאָזיקן דרײַלינג ווערט י. שטשופּאַק, דער ליב־האַרציקער מענטש מיטן שטענדיקן גוטמוטיקן שמייכל. ער איז דער ליבלינג פֿון די קיִעווער ייִדישע סטודענטן. ס'איז מן־הסתּם ניט געווען קיין איין ייִדישע שול אין די שטעט און שטעטלעך פֿון אוקראַיִנע, וווּ שטשופּאַקס געוועזענע תּלמידים פֿון די ייִדישע פּעדאַגאָגישע לערן־אַנשטאַלטן זאָלן ניט אײַנפֿלאַנצן בײַ זייערע תּלמידים ליבע צו דער נאַטור און ניט געבן זיי פּראַקטישע אַגראָנאָמישע געוווינהייטן. דער ראָמאַנטישער שטשופּאַק איז פֿאַרליבט אין זײַן פֿאַך. זײַן פּנים לײַכט, בעת ער פֿירט די לעקציעס פֿון באָטאַניק אין ייִדישן אָפּטייל פֿון קיִע־ווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. איצט איז ער ביז גאָר גליקלעך – ער ווייסט: די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָווסטאַנציע אין אונדזער ייִדישן בירָאבידזשאַן, וועלכע איז שוין, אַגבֿ, געוואָרן מיט אירע אויפֿטוען אַ שם־דבֿר אויפֿן גאַנצן ווײַטן מיזרח, נייטיקט זיך אויך אין זײַן פּער־זענלעכער הילף [בײַם נאָרמירן די באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע]. זיצט ער טאָג און נאַכט און אײַלט זיך וואָס גיכער צו פֿאַרענדיקן די אַרבעט.

אַ ספּעציעלע וואַרע מוז מען מאַכן פֿאַר צוויי כּתבֿ־ידן אינעם אַרכיוו פֿון ייִוואָ, אַריבערגעקומענע בירושה פֿונעם פֿאַרשמטן פֿאַרמלחמהדיקן קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור (זײַן נאָמען און סטרוקטור האָבן זיך עטלעכע מאָל געביטן);[9] די צוויי פֿאַכמענישע אָפּמשלונגען פֿון דער בירעבידזשאַנער פֿלאָרע – ס.א. דאַנילאָווס און ב.א. טיכאָמיראָווס. אַנשטאָט אָט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאָרשאַרבעטן האָט מען געקערט אויף רוסיש, במילא שטעקט דער שפּראַך־בויערישער אויפֿטו אינעם פֿאַרטײַטשן זיי אויף ייִדיש. וועמען קומט דער שבֿח? סע לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז שטשופּאַק האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם הצלחהדיקן פֿאַרמעסט – אָדער איז ער עס טאַקע דער פֿאַרטײַטשער, אָדער איז עס געטון געוואָרן אונטער זײַן השגחה, אָדער מיט זײַן גאָר אַקטיוור מיטהילף. די צוויי נאָר וואָס דערמאָנטע פֿאָרשאַרבעטן וועגן דער פֿלאָרע פֿון בירעבידזשאַן

8) אין איר **בירָאבידזשאַן פֿון דער נאָענט**, תּ״אָ 1983, ז' 52.

9) פֿ״גל לייבל כּהן, דצ״וו, ז' 3.

האָבן באַרײַכערט אונדזער סיסטעמאַטישע באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע מיט אַ הונדערט טערמינען.

די נאַטור־אָפּמשלונגען פֿון בירעבידזשאַן, קאַווקאַז, קרים אאַז״וו האָבן אין זינען געהאַט נישט דײַקע די תּלמידימשאַפֿט, נאָר אַ ברייטערן עולם לייענערס. די שפּראַך פֿון די לערן־ און לייען־ביכלעך און פֿון די נאַטור־אָפּמשלונגען איז מיינסטנס גוט ייִדיש, קאָרעקט און דרייסט נאָוואַטאָריש. דער „דרייסט" איז כּדאַי צו דערמאָנען. סע פֿאָדערט זיך דאָך באַהאַרצטקייט צו פֿורעמען נײַע ווערטער בכלל און ייִדישע בפֿרט. צוריק געגעדט, האָבן די אויסגערעכנטע בעלי־מחברים און פֿאַרטײַטשערס עס געטון פֿאַר אַ סבֿיבֿה אין מיזרח־אייראָפּע – די ייִדיש־וויסיקע, ייִדישיסטיש אָריענטירטע – וואָס זי האָט אויף זייערע ווערק אַרויסגעקוקט און זיי געהויבן אויף דרוקעס.

וואָס, אין לעצטן סך־הכּל, האָט די ייִדישע שול־באַוועגונג אויפֿגעטון פֿאַר דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע? צום טייל זי באַרײַכערט, צום טייל זי סיסטעמאַטיזירט, אָבער דער הויפּט זי געשטעלט אויף אייגענע, אויף ייִדישע פֿיס, כאָטש אַ שפּאָר ביסל פֿון די טערמינען, וואָס מע האָט פֿריִער געהאַט אַרײַנגעפֿירט פֿון נײַ־הויכדײַטשיש, זענען פֿאַרבליבן. אפֿשר דער סאַמע עיקר: דורך לערנען באָטאַניק סיסטעמאַטיש איז דעם שפּראַך־ציבורס אומאינפֿאָרמירטקייט אויף דעם פֿעלד אַ ביסל אָפּגעטראָטן. סע האָט זיך דאָ און דאָרטן אָנגענומען די וויסנשאַפֿטלעכע טערמינאָלאָגיע (אַ שטייגער, שאַרף־בלעטערדיקער קליאָן בײַ עלי שעכטמאַנען.) אַ שאָד, וואָס דער לימוד באָטאַניק אין די ייִדישע שולן איז העכער פֿון דער מיטלשול־מדרגה נישט דערגאַן.

אַ גרויס חלק אין אַנטוויקלען אָדער פּאָפּולאַריזירן די טערמינאָלאָגיע פֿון אַגראָטעכניק בכלל און באָטאַניק בפֿרט האָבן געהאַט די אַגראָנאָמען־שרײַבערס, בעלי־מחברים אָדער פֿאַרטײַטשערס אויפֿן פֿעלד פֿון אַגראָ־ליטעראַטור אויף ייִדיש און קאָלאָניסטן שרײַבערס: יעקבֿ באַביצקי, י.־ש. באַראָוויטש, מאיר בורסוק, פּראָפֿ׳ מ. ברוק, ב. דאָבזשינסקי, דאָבראָליובאָוו־גיטמאַן, אַ. גאַביס, הערטאַ דאָנענפֿעלד, ה.־ה. דיבאָלד, מ. האַהן, ברוך הויכמאַן, ש.־י. הורוויץ, מיכל וועבער, מ. וועללער, י. זילבערשטיין, פּ. טרעטיאַקאָוו, וו. יוריִעוו, וו. ליוביטש, י. לייקין, אַ. לעמבעריקער [=מרדכי שעכטער], ש.־מ. מאָטעל, גיטל מײַזיל, אַג׳ ג. סאַנדלער, נחום סעניצקי, א. ענזעלבערג, ב. פּאַסענשטיין, ב.־ל. פּעטשעני, ב. צוקערמאַן, י. צעגעלניצקי, פּסח קאָלאָדני, אַ. קאָמיר, י.־וו. קאַמענעצקי, ש. קאַפּלאַן, נ. קריטשמאַר, י. ראַסיין, ש. שאַליט א״אַ (טייל פֿון די אויסגערעכנטע נעמען זענען די בעלי־מחברים פֿונעם אָריגינאַל, בעת די פֿאַרטײַטשערס זענען געבליבן אַנאָנים).

אויסגעברייטערט דעם היקף פֿון דער באָטאַנישער נאָמענקלאַטור האָט אויך די אַלגעמיינע ייִדישע ענציקלאָפּעדיע, סע פֿעלט דאָרט אָבער אַ רעדאַקטיר־האַנט מיט אַ קלאָרן נאָרמאַטיוון אײַנשטעל, כאָטש די ענציקלאָפּעדיע האָט לויט דער הקדמה זיך יאָ געשטעלט סטאַנדאַרדיזיר־צילן.

סטוטשקאָווס אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך האָט אַדורכגעפֿירט אַ קאָלאָסאַלע כּינוס־אַרבעט, צונויפֿגעקליבן צווישן צוויי טאָוולען אַ גרויסע טייל פֿון אונדזער באָטאַנישן פֿאַרמאָג, אָבער, צום באַדויער, מיט טעותן דורך צונויפֿגרופּירן אין סינאָנימישע ווערטערנעסטן טערמינען, וואָס זיי קערן זיך גאָר נישט אָן איינס

מיטן אַנדערן.

אויך דער גרויסער ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך האָט, אין די ביז־איצטיקע פֿיר בענד, שטאַרק אויסגעברייטערט דעם היקף פֿון אונדזער באָטאַני־שער טערמינאָלאָגיע, אָבער בײַם אויסשרײַבן דעפֿיניציעס פֿון פֿרעמדשפּראַכיקע לעקסיקאָנען איז מען אַ סך מאָל ניכשל געוואָרן און, אַ שטייגער, טאָטאַל צע־פּלאָנטערט די טאַקסאָנאָמישע קאַטעגאָריעס משפּחה, מין, זגאַל, וואַריעטעט. (דאָס לעצטע איז דאָרטן, אַגבֿ – „וואַריאַציע״!)

אין לעצטן סך־הכּל איז מען אָבער אין פּרט פֿון סטאַנדאַרדיזירן די טערמי־נאָלאָגיע ווײַט נישט אַוועק, ווי ד״ר ביבער האָט זיך באַקלאָגט נאָך אין 1939:[10]

> דאָס פֿעלן פֿון אַן אײַנגעשטעלטער נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכער נאָ־מענקלאַטור איז איינע פֿון אונדזערע נויטן [...], וואָס קען ניט ווערן פֿאַרענטפֿערט פֿון דער פֿאָלקשפּראַך אַליין. הײַנט [...] ווײַזט זיך דער בלויז בולט אַרויס. יעדער לערער בלײַבט שטיין הילפֿלאָז פֿאַר דער פֿראַגע פֿון דער ביאָלאָגישער נאָמענקלאַטור. אפֿשר העלפֿט זיך ווער, ווי עס איז, מיט פֿאַרטײַטשונגען, אָבער דאָס ווערט און מוז דערפֿירן צו אַ כאַאָס, ווײַל מיר וועלן האָבן אַזוי פֿיל טערמינאָלאָגיעס און נאָמענקלאַטורן, אַז אַפֿילו אין די גרעסערע שטעט, מיט אַ סך לערן־אַנשטאַלטן [וואַרשע, ווילנע אאַז״וו] איז אויך נאָך ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּרוּוו צו פֿאַראייניטלעכן די נאָמענקלאַטור. אַזאַ צו־שטאַנד איז נישט נאָרמאַל! עס מוז דאָך אַ מאָל געשאַפֿן ווערן אַזאַ קערפּערשאַפֿט, וואָס זאָל פֿעסטשטעלן די סטאַנדאַרדיזירטע ייִדישע נאָמענקלאַטור.

דוגמות פֿון נישט־סטאַנדאַרדיזירטקייט? ווען אין פֿאַרשיידענע שולן און לערנ־ביכלעך ניצט מען צען סינאָנימען און וואַריאַנטן פֿאַר איין געוויקס (Primula), און אַ טוץ – פֿאַר אַ צווייטן (Taraxacum officinale)[11], ווי ס׳איז אונדז שוין אויסגעקו־מען אָנצוּווײַזן.[12] אַזאַן עשירות איז צעטומלענדיק, ווײַל אומסטאַנדאַרדיזירט.

אַחרון־אַחרון. די ייִדישע ליטעראַטור, דערעיקרשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אַ קער געטון צו נאַטור מיט אַ ברען: לייב נײַדוס, י.־י. שוואַרץ, פּרץ הירשביין, אַבֿרהם סוצקעווער, יעקבֿ פֿרידמאַן, מ.־מ. שאַפֿיר, י. פֿאַליקמאַן א״אַ. פּעסי הערשפֿעלד־פּאָמעראַנץ־האַניגבוים האָט אַרײַנגעברענגט די סובטראָפּישע פֿלאָרע פֿון פֿלאָרידע; אַבֿרהם לעוו און יעקבֿ־צבֿי שאַרגעל – די קווייטן פֿון ישׂראל. אין איין ליד פֿון לייזער וואָלף, „דער אַלטער ווינט און דער יונגער ווינט״ (אין זײַן צווײ בעריאַזשעס בײַם טראַקט, ווילנע, 1939, זז׳ 20־30), קומט צו רייד וועגן: רויז, מימאָזן, פֿיאָלקעס, רומיאַניק, רייז (= **זונרויז**), געאָרגיניעס, מײַ־גלעקלעך,

---

**10)** ישׂראל ביבער, **אילוסטרירטער קאַטאַלאָג פֿון נאַטורוויסנשאַפֿטלעכן מוזיי** (...) 1939, ז׳ xiv.

**11)** אין די שולן האָט מען טאַקע געלערנט אַ טוץ, אָבער אין אונדזער געוויקסן־ און מקורים־ווײַזער זענען פֿאַרצייכנט אַזש 21 ייִדישע סינאָנימען און וואַריאַנטן פֿון Taraxacum officinale וואָס ס׳איז אונדז געראָטן זיי אָפּצוזוכן.

**12)** מרדכי שעכטער, „צום ייִדיש פֿון מאָרגן״, **די גאָלדענע קייט** 66 (1969), 244.

כריזאַנטעמעס, פֿאַרגעס־מיך־ניט, נאַרציס, ווערבע, טשערעסניצע (אַ קאַטאָווּעסדיקע איבערפֿורעמונג, דערצו נאָך אין סאַבעסדיקן לשון, פֿון טשערעשניע), מאַלענעס־ביימלעך, פּאַרעטשקע־ביימלעך, גריקע, בעריאָזע, גערשטן, ליפּע און קאָנעשינע. נחום יוד רופֿט אָן בײַם נאָמען (אינעם ליד „שוועמלעך") און משלט אָפּ נײַן זגאַלן שוועמלעך: קעזערל, מאָכעווער, בוראַוויק, טאַלסטוכעס, ריזשיקעס, וואָלווענקעס, וואָרצל־שוועמלעך, הינטישע שוועמלעך, פּולווערשוואָם. יעכיִעל פֿאַליקמאַן רעכנט אויס אין זײַנס אַ דערציילונג 23 קווייטן: שוואַרצברעטלעך, זונרויזן, פּערל־בלימעלעך, נאַסטורציעס, געאָרגינעס, מאַטיאָלעס, אַסטרעס, שנייגלעקלעך א"אַ. אין פּרק הירשביינס נסיעה־אָפּמשלונגען קומען פֿיר: מאַקאַבייער־בלוט, טיגער־ליליע, שלאַנגען־ליליע, פֿויגלבלום א"אַ. די ראָמאַנען, דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן פֿון נאָטע לוריע, נח לוריע, עליע גאָרדאָן, עליע ספּיוואַק, ב. עפּשטיין א"אַ וועגן דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אוקראַיִנע און אַרגענטינע רעדן וועגן קורײַ (Salsola/Russian thistle) און אַנדערע סטעפּ־ און פּאַמפּאַס־געוויקסן. כּמעט בײַ איטלעכן אַרגענטינער שרײַבער קומט צו רייד וועגן אָמבובוים. (אינעם לשון פֿון די אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניסטן איז, אַגבֿ, אַלפֿאַלפֿע – דורך האַפּלאָלאָגיע – מגולגל געוואָרן אין אַלפֿע.) די שרײַבערס, וואָס זיי האָבן זיך באַזעצט אין בירעבידזשאַן (בוזי מילער, הענעך קאַזאַקעוויטש, עמנואל קאַזאַקעוויטש) אָדער זענען געקומען צו גאַסט און געמאָלן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט (דוד בערגעלסאָן אין בירעבידזשאַנער, מ. כאַשטשעוואַצקי אין אַ רײַזע קיין בירעבידזשאַן, מאָטל גרוביאַן אין „אַ וואָך אין בירעבידזשאַן") שרײַבן וועגן אַזוינע געוויקסן ווי: מאַנדזשורישער אַשבוים, מאַנדזשורישער לינדנבוים, מאַנד־זשורישער ניסנבוים, מאַנדזשורישער קאַנאַטניק, מאָנגאָלישער דעמב, קאָרעער לימענע־יאַגדע, קאָרעיִשע סאָסנע, דאַורער רויטבוים, דאַורער ב(ע)רעזע, דאַורישע ליליע, דאַורישע רויז וכּו'.

שרײַבערס מיט אַ חוש פֿאַר דער נאַטור? להיפּוך צום טראַפֿאַרעט, אַז ייִדישע פּענמענטשן זענען בלינד־און־טויב צו די שיינקייטן פֿון דער נאַטור און מער ווי אַזוינע כּוללדיקע טערמינען ווי בוים, בלום אאַז"וו ווייסן זיי נישט, פֿאַרמאָגט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור אַ סך צענדליקער ליטעראַטן „נאַטורניקעס" (זען דאָס קאַפּיטעלע „סימבאָלן, קירצונגען און מקורים" דאָ ווײַטער). פֿאַרשטייט זיך, אַז „נאַטור־קבצנים" פֿאַרמאָגן מיר אויך אַ סך, פֿון זיי האָבן מיר פֿאַר געווי ווינציק וואָס נהנה געווען.

אַפֿילו אין דער אימהדיקער חורבן־ליטעראַטור וואַרפֿן זיך אַדורך נאַטור־אָפּמשלונגען – ד"ר זאבֿ יוניס (=יאַניש?) דערמאָנט, אַז אין דער חרובֿ־געוואָרענער קהילה מעלאַווע זענען געוואָקסן כּלערליי קווייטן: כאַברעס, קאָנקאָלעס (= קאָנוואַליעס?), מילעך־בלימעלעך, ליליעס, וואַסער־ליליעס, רעזעדע, בעז, נאַסטורציעס, לעווקויע, אַסטרעס, געאָרגינעס, רויזן, אָלעאַנדערס, טאַביקבלומען (= זונרויזן).

די אונטערשטע שורה: אַ סך שותּפֿים האָבן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים צוגעשטעלט אַ פּלייצע צום בנין פֿון דער ייִדישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע. מע האָט אין 19טן און 20סטן י"ה זי באַרײַכערט מיט הונדערטער נײַע איינסן. סע האָט אָבער געפֿעלט סטאַנדאַרדיזירטקייט. דעם חסרון טוען מיר זיך אָן אַ כּוח אויסצוגלײַכן מיט געווי.

## (ד) פּשוט־פֿאָלקישע נאָמענקלאַטור און סיסטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע

ווי אַלט איז אונדזער באָטאַנישע נאָמענקלאַטור? סע ווענדט זיך. ווי שוין דער־מאָנט: אויב מע רעדט וועגן די נעמען פֿון די נוציקע געוויקסן (תּבֿואות, אויפּס, גאָרטנוואַרג, האָלצביימער, רפֿואהדיקע געוויקסן), ווי אויך די געוויקסן, וואָס זיי האָבן אַ חשיבֿות פֿאַר דער הלכה אָדער ווערן דערמאָנט אין תּנך, געפֿינט מען זיי שוין פֿון די עלטסטע ייִדישע געשריפֿטסן אָן. אויב, ווידער, סע רעדט זיך וועגן דער וויסנשאַפֿטלעכער, דער אַזוי גערופֿענער סיסטעמאַטישער, טערמינאָלאָגיע, איז זי אַ סך ייִנגער. די סיסטעמאַטישע באָטאַניק בײַ לײַטן האָט זיך דאָך בכּלל פֿאַק־טיש אָנגעהויבן ערשט אין 18טן י״ה מיטן שוועדישן באָטאַניקער קאַרל לינע. זײַן קלאַסיפֿיציר־סיסטעם, ווו איטלעכס געוויקס און איטלעכער בעל־חי האָט אַ צוויי־גלידיקן ליטײַנישן וויסנשאַפֿטלעכן נאָמען, איז דאָך געוואָרן דער יסוד פֿון די נאַטור־וויסנשאַפֿטן. שפּעטער זענען אָט די צווייגלידיקע ליטײַנישע נעמען פֿאַר־טײַטשט געוואָרן אין די דעמאָלטיקע הויפּטשפּראַכן פֿון דער מערבֿדיקער קולטור־וועלט, און ערשט אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט – אין די צענדליקער קלענערע קולטורשפּראַכן. ייִדיש און העברעיִש זענען פֿון די לשונות, וואָס ערשט אין די פֿאַרגאַנגענע 2־3 דורות האָבן זיי זוכה געווען צון אָט דעם שטאַפּל אין זייער צעוואַקס. אַ משל: דאָס פּשוט־פֿאָלקישע קראָפּעווע – דעם נאָמען פֿונעם באָטאַנישן מין האָבן מיר שוין שיינע עטלעכע הונדערט יאָר (דאָס מערבֿ־ייִדישע ברענעצלעך – נאָך לענגער), אָבער בריזיקע קראָפּעווע (אָדער ברי־קראָפּעווע), דעם נאָמען פֿון זגאַל – מסתּם ערשט זינט אָנהייב צוואָנציקסטן יאָרהונדערט. דאָס עלטערע (קראָפּעווע, פּאָקשיווע, בריזעכץ, ברענעצלעך) קער צו דער עטנאָבאָטאַנישער נאָ־מענקלאַטור; דאָס נײַערע (ברי־קראָפּעווע) – צו דער סיסטעמאַטישער, וויסנשאַפֿט־לעכער טערמינאָלאָגיע.

וואָס ס'איז דאָס שײַכות צווישן דער פּשוט־פֿאָלקישער, דער „עטנאָבאָטאַני־שער", נאָמענקלאַטור און דער וויסנשאַפֿטלעך אויסגעאַרבעטער, דער סיסטעמאַ־טישער באָטאַנישער טערמינאָלאָגיע? כּראָנאָלאָגיש, ווייסן מיר שוין, איז די פּשוט־פֿאָלקישע נאָמענקלאַטור בײַ אַלע פֿעלקער די עלטערע. אין פֿאַרגלײַך מיט דער וויסנשאַפֿטלעכער איז זי אויך רײַכער, אָרעמער און אומפּרעציזער.

רײַכער איז די פּשוט־פֿאָלקישע נאָמענקלאַטור אין נעמען פֿון געוויסע גע־וויקסן. אין איין פֿאַרשאַרבעט וועגן אוקראַיִנישער עטנאָבאָטאַנישער טערמינאָלאָ־גיע (מאַקאָוויעצקי)[13] האָב איך אָנגעציילט צוויי און נײַנציק סינאָנימען און וואַ־ריאַנטן פֿאַר קאַרטאָפֿל. אַן ענלעך עשירות איז שכיח אויך אין אַנדערע לשונות און אין ייִדיש אויכעט: קאַרטאָפֿל, קאַרטאָפֿליעס, געטאָפֿליעס, בולבעס, בולוועס, באַראַבאָליעס, באַראַבוליעס, באַרעבוליעס, באַרבאָליעס, מאַנדעבערקעס, ריבלעך, קרעמפּירן, זשעמיקעס, עכפּל, ערדעפּל א״אַ. דאָס אייגענע – קוקורוזע, קוקורוץ, קאַקערידזעס, קאָקרידזעס, קיזאַבעס, קייאַבעס, קיקעס, פּאַפּשוי(עס), ווייצל, טערקישע ווייץ, פּשעניטשקעס אאַז״וו. וגם – זונ(ענ)בלום, (זונ)רויזן, לבֿנות, לבֿנה־טשאַטשקעס,

(13) זען דעם אָפּטייל V („סימבאָלן, קירצונגען, מקורים") אין דעם באַנד, אונטערן זוכוואָרט מאַק.

אַלביטן [=אײלבירטן], סאָניטשקעס, סאָנע(ט)שניק, דזשאָנדזשעניק, פּאַצאָנעס א״אַ – אַלץ סינאָנימען און דובלעטן פֿאַר איין געוויקס. אָט דאָס עשירות איז אַ געווינס פֿאַר דער בעלעטריסטיק און פּאָעזיע, אָבער אַ חסרון פֿאַר דער וויסנשאַפֿטלעכער פּראָזע, פֿאַר דער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור, פֿאַרן לערער און תּלמיד. פֿאַר זיי איז איין טערמין, צוויי טערמינען – די־והותר.

אָרעמער איז די פּשוט־פֿאָלקישע נאָמענקלאַטור – בײַ ייִדן און בײַ גויים – מיט דעם וואָס זי פֿאַרמאָגט נעמען פֿאַר געוויקסן כּמעט נאָר פֿון דער טעריטאָריע און פֿון דער אינטערעסן־ספֿערע פֿונעם אייגענעם פֿאָלק. והשנית, צוליב איר סך־טײַטשיקייט. נײַנצן פֿאַרשיידענע מינים און זגאַלן הייסן אויף דײַטשיש Sternblume. בילדעריש איז עס טאַקע, אָבער פֿאָרט אַ סימן דלות פֿון דער עטנאָבאָטאַנישער, פּשוט־פֿאָלקישער נאָמענקלאַטור. דאָס סך־טײַטשיקייט ברענגט אונדז צון אַ ווײַטערדיקן חסרון, דהײַנו:

דאָס אומפּרעציזקייט פֿון דער פּשוט־פֿאָלקישער נאָמענקלאַטור. דיניע האָט אין פֿאַרשיידענע געגנטן צום ווינציקסטן פֿיר טײַטשן – עקוויוואַלענטן פֿון די ענגלישע pumpkin; (2) melon; (3) honeydew; (4) canteloupe (1). פֿון דער אַנדערער זײַט ווערט אָבער טײַטש (1) אויך איבערגעגעבן דורך: באַניע, באַסטאָן, טיקווע, קאַבאַק, קירבעס א״אַ; טײַטש (2) – דורך מעלאָן א״אַ; טײַטש (3) – דורך צעסאַרקע; טײַטש (4) – דורך דינקע. וואָס זשעט איז דאָס חידוש, אַז איר לייענט בײַ אַ שרײַבער דאָס וואָרט דיניע, הייבט איר נישט אָן צו וויסן וועגן וועלכן פֿון די פֿיר טײַטשן סע רעדט זיך?

אָדער די נאָדלביימער: די מינים spruce, fir, pine, hemlock זענען נישט קיין שאַרף אָפּגעגרענעצטע קאַטעגאָריעס אין דער עטנאָבאָטאַנישער נאָמענקלאַטור. זיי דעקן זיך צום טייל – רעגיאָנאַל, סעמאַנטיש. זיי פּלאָנטערן זיך. אַזוי אין ענגליש, אַזוי אין אַנדערע לשונות. אויך אין דער ייִדישער עטנאָבאָטאַנישער נאָמענקלאַטור זענען סאָסנע, טענענבוים, יאָדלע, יעל, פּיכטע, (סיבירער) צעדער אַ ביסל מטושטש, סך־טײַטשיק, „פּלאָנטערדיק“.

נאָך צוויי דוגמות: נח פּרילוצקי האָט שוין אין זײַן אַרבעט „גרינס אויף שבֿועות“ געוויזן וויפֿל סינאָנימען סע זענען פֿאַראַן פֿאַר די ברעגגעוויקסן, וואָס ייִדן ניצן שבֿועות־צײַט. ס׳איז בכלל אַ טשיקאַוועס צו זען ווי טשערעט (אָטשערעט, טשעראָט א״אַ), קאַמיש, שאַוווער, זשאַוווער, אַיִר, אײַער א״אַ פּלאָנטערן זיך, „סינאָנימירן זיך“ אין די מיזרח־אייראָפּעיִשע שפּראַכן (די סלאַווישע, ייִדיש אאַז״וו). אַפֿילו אַ לינגוויסטישער הערקולעס וואָלט בקיין־שום־אופֿן נישט בכּוח געווען צו דערגיין אַ קלאָרן טאָלק אין די מיזרח־אייראָפּעיִשע אַקעגענערס פֿון Phragmites; Scirpus; Schoenus; Acorus calamus.

דאָס לעצטע משל: הינטישע פּעטרישקע. דאַכט זיך פּשוט: פּעטרישקע – דער מין,[14] הינטישע – דער צוגאָב וואָס ער ספּעציפֿירט דעם זגאַל. אַיאָ? הייבט זיך נישט אָן! ס׳איז דאָך אַ וואָרט פֿון דער פֿרײַ געוואָקסענער עטנאָבאָטאַניק. במילא

**14)** אין פּוילישן ייִדיש און אינעם אַמאָליקן מערבֿ־ייִדיש – **דאָס מין**. דער שרײַבער פֿון די שורות האָט דעם נייטראַל אינקאָרפּאָרירט אין זײַן אייגענער שפּראַכסיסטעם, אָבער נאָר אין אַן אַטריבוטיווער פֿונקציע: „זי פֿאַרטראָגט נישט דאָס מין ליטעראַטור“, ד״ה יאַזאַ מין׳. פֿאַרן סתּם סובסטאַנטיוו ניץ איך ווײַטער דאָס לשון־זכר: **דער מין**.

(הערט אַ מעשׂה!) איז עס גאָר נישט קיין פּעטרישקע און סע קער זיך נישט אָן מיט פּעטרישקע. און נישט נאָר אין ייִדיש, נאָר אויך נישט בײַ די רוסישע, דײַטשישע, ענגלישע[15] עקוויוואַלענטן זײַנע.

פֿונדעסטוועגן, ווען מע האָט אײַנגעשטעלט אַ סיסטעמאַטישע טערמינאָ־לאָגיע פֿון די נאַטור־וויסנשאַפֿטן אין די באַזונדערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, האָט איטלעכע אומה־ולשון געטון דאָס אייגענע: אויסגעניצט אויף ווי ווײַט סע לאָזט זיך דאָס היימישע שפּראַכוואַרג. אמת, אַרײַנגענומען טאַקע נאָר אַ קליין חלק, אָבער פּאָרט – נישט פֿאַרשעמט, חלילה, די אויפֿן אייגענעם גרונט אויסגעוואָק־סענע געוויקסן־נעמען. מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט „אַ קליין חלק" – וויפֿל? ווי גרויס (אָדער קליין) איז דאָס חלק פֿון דער פּשוט־פֿאָלקישער נאָמענקלאַטור, וואָס סע גייט אַרײַן אין דער אייגענער, נאַציאָנאַלער וויסנשאַפֿטלעכער טערמינאָלאָגיע? מיר האָבן געמאַכט אַ שטיקל שאַצונג אויפֿן סמך פֿון אַ ציילונג פֿון די רוסישע טערמינען אין דאַווידאָווס זעקסשפּראַכיקן באָטאַנישן ווערטערביכל – געציילט אַיעדעס צענטע זײַטל: דער רעזולטאַט איז שוער נישט סענסאַציאָנעל – כּמעט 90 פּראָצענט פֿון די געוויקסן־נעמען פֿון אַזאַ נאַטור־אָריענטירט לשון ווי רוסיש זע־נען נישט „געוואָקסן אויף אייגענעם מיסט", נאָר זענען נײַע ווערטער: אָדער סתּם אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען (אין אַ פֿאַררוסישטער פֿאָרעם), אָדער נײַשאַפֿונגען, דערעיקרשט קאַלקעס פֿון די ליטײַנישע און אַנדערע טערמינען. אויב דאָס איז אַזוי בײַ די אומות־העולם, איז אַפּשיטא שוין בײַ אונדז.

לאָמיר נעמען אַ געמעל פֿון דער העברעיִשער טערמינאָלאָגיע: דער מגדיר צמחי ארץ ישראל (איג) רעכנט אויס אַכצן נעמען (אויף העברעיִש און ליטײַניש) פֿאַרן מין און די זגאַלן שלענדערל וואָס אין ארץ־ישׂראל. אַלע אַכצן זענען נעאָלאָ־גיזמען געשאַפֿענע פֿון באָטאַניקערס און לינגוויסטן. פּונקט ווי דער ליטײַנישער טערמין Convolvulus palaestinus האָט נישט עקסיסטירט אין די צײַטן פֿון צעזאַר, האָט דאָך זײַן עבֿריתישער עקוויוואַלענט חבלבל ארץ ישראל נישט עקסיסטירט בימי דוד־המלך. (ווײַט איבער 90 פּראָצענט פֿון דער הײַנטיקער עבֿריתישער באָטאַ־נישער נאָמענקלאַטור האָט דאָך נישט עקסיסטירט אינעם תּנכישן, מישנישן, רבנישן אָדער אַפֿילו משׂכּילישן העברעיִש.) אונדז, אין ייִדיש, איז „בעסער" – דער נאָמען פֿונעם מין Convolvulus (שלענדערל) איז כאָטש, אַ פּנים, אַ פֿאָלק־וואָרט. אויך איינס פֿון די זגאַלן פֿונעם מין שלענדערל (בערעזשקע) איז נישט נײַ.

ווער סע האָט באַשאַפֿן די ייִדישע עטנאָבאָטאַנישע, פּשוט־פֿאָלקישע טערמי־נאָלאָגיע? קודם־כּל, וועט מען ענטפֿערן, דאָס פֿאָלק. פֿאַקטיש מיינט עס: עמעצער, וואָס מיר ווייסן נישט ווי ער אָדער זי האָט געהייסן, אַן אַנאָנים. ניין, אַ סך „עמעצערס". נישט „דאָס פֿאָלק" האָט אויסגעפֿורעמט, למשל, שלענדערל, נאָר אַ יחיד מיט אַ שפּראַך־חוש און מיט איניציאַטיוו. נעזבוים וואַקסט פֿון דער קינדער־שפּראַך; איז ווידער דאָס אייגענע – ס'איז נישט געווען קיין קינדער־קאָנפֿערענץ, ווו מע האָט עס מחדש געווען. איין קינד, אַן אַנאָנימס, האָט אויסגעניצט דעם פֿאַקט, אַז די פּרוכטלעך פֿון דעם בוים זאָטלען קינדער אָן אויף די נעז, עלעהיי אַ פּענסנע, האָט עס, דאָס קינד, אַ פֿורעם געטון נעזבוים און מסתּם נישט איין קינד, נאָר אַ סך – העטעראָגענעז.

---

15) Foolsparsley

ווײַטער, ווי שוין אָנגעוויזן, האָבן זיך באַטייליקט אינעם פּראָצעס פֿון טער־מינאָלאָגישער שפּראַך־באַרײַכערונג אַגראָנאָמען, לערערס פֿון באָטאַניק און פֿון ייִדיש, פֿאַרטײַטשערס, שרײַבערס, לעקסיקאָגראַפֿן, שפּראַך־נאָרמירערס. בײַ טייל ווייסן מיר יאָ ווער־און־וואָס: שיִע־מרדכי ליפּשיץ (מעלבוים), סוצקעווער (קרעלבוים אויפֿן סמך פֿון פּרילוצקיס אַ געפֿינס: קרעל, פֿון דער קינדערשפּראַך), אָבער, מייגסטנס איז נישט גרינג צו דערגיין ווער סע האָט וואָס באַשאַפֿן.